UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Der Tragisher Sof Fun a Kult-Psykhoz (The Tragic End of a Cult-Psychosis)

## Permalink
https://escholarship.org/uc/item/9nz9g17v

## Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

## Author
Nutkevitsh (Nutkevitz), S.

## Publication Date
1979

## Copyright Information
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ס. נאָטקעוויטש

# דער טראַגישער סוף פון אַ קולט־פּסיכאָז

אונדזערע לייענערס געדענקען זיכער יענעם שבת, דעם 18טן נאָוועמבער, 78־19, ווען די וועלט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז הונדערטער מענער, פרויען, יוגנט און קינדער זיינען קאָלעקטיוו באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין גייאַנאַ, דרום אַמעריקע.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז די צאָל אומגעקומענע באַשטאַנען פון 913 דערוואַקסענע און קינדער. דאָס יינגסטע קינד איז געווען אַ מיידעלע קוים איין יאָר אַלט. זיי זיינען אַלע געווען מיטגלידער פון דעם „פּאָלקס־טעמפּל" אין סאַן פראַנציסקאָ (פּיפּלס טעמפּל), וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דזשימי דזשאָונס, וועגן וועמענס אויפפירונג זיינען אַרומגעגאַנגען פאַנטאַסטישע קלאַנגען.

ווי עס ווייזט זיך אַרויס איז דער רעווערענט דזשימי דזשאָונס פון סאַן פראַנציסקאָ געווען אַ זייער קאָלירפולע פּערזענלעכקייט מיט ספּעציעלע פעאיקייטן פון אַ לידער, אַן אָנפירער, וואָס קען באַאיינפלוסן מענטשן. ער האָט געהאַט דעם ספּעציעלן גייסטיקן כוח פון אַן אויטאָריטעט צו געפינען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון גרעסערע גרופּן מענטשן. וואָרעם אין זייער אַ קורצער צייט האָט דזשימי דזשאָונס באַוויזן צו ווערבירן פאַר זיין „פּיפּלס טעמפּל" טויזנטער מענטשן אין אַמעריקע, וועלכע זיינען ווי אין אַ טראַנס אים נאָכגעגאַנגען און נאָכגעזאָגט זיינע געדאַנקען.

ווי ווייט זיין פּערזענלעכקייט האָט געוועקט צוטרוי און אפילו ליבע קאָן באַוויזן דער פאַקט, אַז אָרעמע שוואַרצע און ווייסע מענטשן האָבן אָנגעהויבן פאַר אים צו זאַמלען געלט און אַוועקגעבן פאַר זיין נוצן גאָלד און טייערע שטיינער. אין אָנהייב האָט דער רעווערענד געלעבט באַשיידן און אפילו אָרעם. ער האָט געגרינדעט ביליקע רעסטאָראַנען און קליניקס פאַר קראַנקע. זיין רום איז געגאַנגען פון שטעטל צו שטעטל און גאָר אין גיכן האָט מען גערעדט וועגן אים ווי וועגן אַ „הייליקן", אַ „משיח".

די פּאָליטישנס האָבן דערזען אין אים אַ מקור פון צושטעלן שטימען אין צייט פון וואַלן און אפילו אַ קוואַל פוןביישטייערונגען. זיינע רעדעס זיינען געווען זייער פּאָפּולערע, צוגעפּאַסט צום ניוואָ פון אָרעמע, און ווי אַ גלח האָט ער פאַרשטאַנען אויסצונוצן די פּאָעטישע און נביאישע שפּראַך פון תנ"ך. ער האָט „געשטראָפט" די רייכע און זיי געוואָרנט מיטן גיהנום און געפאָדערט גערעכטיקייט פאַר די אָרעמע.

די נעגערישע אָרעמקייט האָט אים באַגלייט פון אָרט צו אָרט. אַ סך פון זייער יוגנט האָבן געגלויבט, אַז גאָט האָט זיי צוגעשיקט אַ ווייסן משיח. זיין איינפלוס האָט זיך דעריבער פאַראַנקערט אין די נשמות פון אַ סך אומצופרידענע און באַעוולטע. זיינע ליבעראַלע אידעען פון ראַסן־פאַרברידערונג און גלייכהייט האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופע אין 1975, ווען רעווערענד דזשאָונס איז געקומען מיטן חלום און פּלאַן פון גרינדן אַ קאָלאָניע געבויט לויט די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן פון עקאָנאָמישער און סאָציאַלער גלייכהייט און פון דער העכסטער און טיפסטער עטישער מאָראַל.

ער האָט געפונען דעם „פּאַסיקסטן" פּלאַץ אין דער געוועזענער בריטישער גויאַנע, אין דרום אַמעריקע, אין שכנות מיט סורינאַם אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן. דאָס איז אַ דעמפּער דזשאָנגל, פול מיט שלאַנגען און קראָקאָדילן, מיט נישט אַנטוויקלטע וועגן און מיט אַ נישט געזונטן קלימאַט. דערפאַר אָבער איז מען איזאָלירט, און אַרויסקריגן זיך פון דאָרטן איז פּשוט אוממעגלעך.

אַהינצו האָט דער רעווערענד דזשאָונס אַרויסגעפירט אַרום 1000 מענטשן, קינדער, פרויען, מענער, אַלע געזונטע, ווייסע און שוואַרצע, מיט אַ גליענדיקן גלויבן אַז זיי גייען בויען פאַר זיך אַ גן־עדן און פאַר דער וועלט אַ מוסטער פון אַ בייעם

לעבן. ווי גוטע קריסטן האָבן זיי געזען אַ לאָגישן סינטעז אין די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן לויט וועלכע זייער „משיח" גייט מיט זיי בויען אַ נייען סדר אויף דער וועלט.

דער פּלאַץ פון דער נייער קאָלאָניע איז געווען אין אַ טאָל, אַרומגערינגלט מיטן נאַסן דזשאַנגל, אָפּגעריסן פון דער וועלט, איזאָלירט און דערווייטערט פון דעם „נעכטן". שוין אין די ערשטע וואָכן האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי שווער עס איז צו רעאַליזירן דעם חלום און ווי דער „משיח" רעווערענד דזשים דזשאָונס, האָט זיך דאָס געענדערט!

דער „כאַריזמאַטישער" גלח האָט געהאַט זיין „שוץ־בריגאַדע" פון שטאַרקע. זיינע באַפעלן זיינען געווען שטרענגע, צו אַרבעטן אפילו מער ווי 14 שעה אַ טאָג. נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע דרשות צו וועלכע מען איז געצוווּנגען געוואָרן צו גיין הערן. ער האָט געוואָרנט, אַז צוליב דעם ווילזיין פון די מענטשן מוז ער זיי האַלטן אין שטרענגער דיסציפּלין און באַשיצן זיי פון די קו־קלוקס־קלען, פון דער עף־בי־איי און „סענטראַל אינטעלידזשענס".

דזשימי דזשאָונס אַליין האָט אין דער קאָלאָניע אין גויאַנאַ געלעבט אַן אויסגעלאַסן לעבן. געהאַט געשלעכטלעכע באַציונגען מיטוועמען ער האָט נאָר געוואָלט. געגעסן און געוווינט אַנדערש ווי די פּשוטע קאָלאָניסטן. ער האָט איינגעפירט שמיץ פאַר נישט אַרבעטן גענוג, פאַר נישט פאָלגן דעם „פירער". אפילו קינדער זיינען באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ מוראדיקער שטראָף אַראָפּצולאָזן זיי אין אַ וואַסער־ברונעם און האַלטן זיי אַזוי לאַנג ביז זיי האָבן מער נישט געוויינט נאָר געבעטן מען זאָל זיי צוריק אַרויפציען פונעם ברונעם.

דזשימי דזשאָונס איז געוואָרן קראַנק. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ קראַנקער מיט אַ טעמפּעראַטור פון 105, מיט אַהויכן, נישט קאָנטראָלירטן בלוט־דרוק, מיט נערוועזע אויסברוכן פון שיטן קללות, מיט באַליידיקן מענטשן, מיט חוזק מאַכן פון תנ"ך, מיט אויסגעלאַסנקייטן וואָס ער האָט עפנטלעך דערציילט און געלויבט.

טראָץ דעם טעראָר אין דער קאָלאָניע און די שטרענגע צענזור, האָט זיך דאָך איינגעגעבן אַרויסצושמוגלען עטלעכע בריוו צו די קרובים אין קאַליפאָרניע. אַלע באַמיוּנגען פון די קרובים און אויך פון „טעמפּל" ברידער צו באַזוכן די קאָלאָניע זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט פאַרשיידענע תירוצים, ווי קראַנקייטן, שלעכטער וועטער, מאַנגל אין פּלאַץ צום שלאָפן אאַ"וו.

פאַר אַ גרופּע קרובים האָט די זאַך אויסגעזען זייער פאַרדעכטיקט און זיי האָבן אָנגעהויבן הויך צו באַקלאָגן זיך, אַז „עפּעס" איז נישט גלאַטיק אין דער קאָלאָניע. און דאָ קומען מיר צו דעם סאַמע דראַסטישן באַשלוס פון קאָנגרעסמאַן לעאָ רייען צו באַזוכן די קאָלאָניע אין גויאַנע און אויספאָרשן אַליין וואָס דאָרטן קומט פאָר.

מיר ווייסן שוין אַז קאָנגרעסמאַן ראַיען צוזאַמען מיט עטלעכע קאָרעספּאָנדענטן פון דער פּרעסע זיינען דערשאָסן געוואָרן ביים אויפשטייגן אויף זייער עראָפּלאַן צוריקצופאָרן אַהיים. אין דער זעלבער צייט ווען דער רעווערענד דזשימי דזשאָונס האָט זיך דערוווּסט אַז דער קאָנגרעסמאַן ראַיען איז טויט, האָט ער דורכן הילכער (מייק) געמאָלדן, אַז איצט איז געקומען די צייט ווען אַלע מוזן שטאַרבן. „אויב איר ליבט מיך אַזוי פיל וויפיל איך ליב אייך, מוזט איר אַלע שטאַרבן אָדער פאַרניכטעט ווערן פון אונדזערע שונאים פון דרויסן."

עס האָבן זיך באַוויזן פון פריער צוגעגרייטע בעקנס מיט אַ רויטער טרוסקאַווקע (סטראָבערי)־קאָלירטער פליסיקייט, מיט אַ גיך־ווירקנדיקן גיפט. דזשימי דזשאָונס האָט דערמוטיקט זיינע נאָכפאָלגער אויף דעם הילכער: „אַלע, אַלע מוזן שטאַרבן, איך האָב אייך ליב."

און 913 מענטשן זיינען געפונען געוואָרן טויט. דזשימי דזשאָונס צווישן זיי.

* * * * *

דער מאַסן־זעלבסטמאָרד האָט אויפגעטרייסלט ממש די גאַנצע וועלט. אַ קליינינקייט עפּעס: קנאַפּע טויזנט מענטשן פאָלגן־אויס אַ באַפעל פון איינעם און ענדיקן זייער לעבן מיט אויסטרינקען אַ פאַרציע גיפט! האָבן זיי יאָ געוווּסט אָדער נישט געוווּסט אַז זיי טרינקען סם? דאָס

איז אַ וויכטיקע פראַגע, ווייל רעווערענד
דזשאָונס פלעגט פון צייט צו צייט איינ־
אָרדענען „פּראָבעס" און אַלאַרמירן די
קאָלאָניסטן, אַז מען דאַרף זיך צוגעוויינען
צו ענדיקן דאָס לעבן אויף אַ „ווירדיקן"
אופן. די פּראָבעס זיינען געווען „געלונ־
גענע" און דזשימי דזשאָונס האָט גע־
לויבט די אָנטיילנעמער.

איז דזשימי דזשאָונס אפשר געווען
וואַנזיניק, משוגע, ווילד מיט אַ פּערפידיע
פון אַ מאַזאָכיסט, איינער וואָס האָט פאַר־
געניגן פון פייניקן זיך און אויך אַנדערע?

פון וואַנעט נעמט זיך דער כוח ביי אַ
מענטש צו קענען אַזוי שטאַרק באַאיינ־
פליסן אַנדערע מענטשן, אַז זיי זאָלן אים
אַוועקגעבן זייער פאַרמעגן, זאָלן פאַרלאָזן
זייערע היימען, פרויען און קינדער און
זאָלן צום סוף מקריב זיין אפילו זייערע
לעבנס?

און פאַרקערט: ווי שוואַך דאַרפן זיין
מענטשן, אַז זיי זאָלן ווערן אַזוי שוואַך
און נאָכגיביק לגבי רשעים, דיקטאַטאָרס,
זעלבסט־הערשערס?

וואָס דאַרפן זיין די באַדינגונגען, אַז
אַזעלכע דזשימי דזשאָונס מיט זייער פאַר־
פאַרדאָרבענעם איינפלוס זאָלן קענען אַב־
סאָלוט באַהערשן נאָרמאַלע דערוואַקסענע
מענטשן און זיי פאַרוואַנדלען אין מעכאַ־
נישע ראָבאָטן?

ווי אַזוי האָבן עס היטלער, מוסאָליני,
סטאַלין און אַנדערע פּאָליטישע און מילי־
טערישע שאַרלאַטאַנען געקענט באַאיינ־
פלוסן מיליאָנען פון זייערע אָנהענגערס
און ברענגען אומגליק און פאַרניכטונג צו
זייערע אייגענע און צו אַנדערע פעלקער?

* * * * *

אין די ראַמען פון דעם אַרטיקל ווילן
מיר פּרובירן כאָטש טיילווייז דעם ענין פון
דעם אומגליק מיט די 913 קרבנות פון
דעם „פּיפּלס טעמפּל" עטוואָס אויפקלערן.

דער רעווערענד דזשאָונס איז געווען
אַ גייסטיק קראַנקער פּסיכאָפּאַט. ער איז
געווען פול מיט ווידערשפּרוכן און שוואַכ־
קייטן וואָס ער האָט געזוכט צו פאַרדעקן
מיט אַלטרואיסטישע מאָטיוון.

וואָס מער זיינע שוואַכקייטן און ווידער־
שפּרוכן האָבן זיך אַנטוויקלט, אַלץ מער
אומזיכער און שוואַכער איז ער געוואָרן
און האָט אָנגעהויבן צו ליידן פון „פּאַראַ־
נאָיאַ", אַ גייסטיקע קראַנקייט פון שרעק,
פאַרדאַכט און פאַרפאָלגונג. זיינע חלומות
און האַלוציניאַציעס האָט ער איבערגעגעבן
צו די אָנהענגער און מיטגלידער פון זיין
קירכע.

מיט געניטשאַפט און אייגנעשפּאַרט־
קייט האָט ער סיסטעמאַטיש איבערגע־
חזרט זיינע געדאַנקען ביז די צוהערער
האָבן אַליין אָנגעהויבן אין זיי צו גלייבן.
פּאַראַנאָיאַ האָט די אייגנשאַפט פון אָנ־
שטעקונג און האָט אַ מאַסן־ווירקונג. מיט
דעם צויבער פון זיין פערזענלעכקייט האָט
רעווערענד דזשאָונס געמאַכט פון זיינע
אָנהענגערס אַ מין טייג וואָס ער האָט
געקנאָטן ווי ער האָט געוואָלט.

זיי האָבן טאַקע געגלייבט, אַז די קו־
קלוקס־קלען, די עף־בי־איי און די סי־
איי־אָ ווילן זיי אויסראָטן און פאַרניכטן;
אַז „פאַשיסטן און שונאים" שטייען הינ־
טער זייערע פענצטער מיט אויסגע־
שטרעקטע ביקסן; אַז מען מוז זיך באַשיצן
און אַנטלויפן פון דאַנעט.

די טויזנט מענטשן וואָס האָבן פריי־
וויליק פאַרלאָזט זייערע היימען, אַרבעט,
פאַמיליעס און נאָכגעפאָלגט זייער פירער
האָבן עס געטאָן ווי אין אַ היפּנאָז.

ס'איז אָבער אויך זיכער, אַז די אַרומי־
קייט האָט געדינט פאַר רעווערענד דזשאָונס
ווי היזון אויף געבעקס. די טומלדיקע
זעכציקער און זיבעציקער יאָרן מיט זיי־
ערע אָנשיקענישן פון דראָגס, וויעטנאַמער
מלחמה, סטודענטן אומרוען, אַרבעטס־
לאָזיקייט, דעמאָראַליזאַציע, פאַרברעכנס
(די „מענסאָן פאַמיליע") עקאָנאָמישע און
פּאָליטישע קריזיסן, די ניקסאָן סקאַנדאַלן,
די אינטערנאַציאָנאַלע קריזיסן אא"וו האָבן
געגעבן אַ גינסטיקן באָדן און אַטמאָספער
פאַר אַ משוגענעם שאַרלאַטאַן ווי דזשאָונס.

אין אָנגעזיכט פון דעם וועט די ליבע־
ראַלע וועלט וואַרשיינלעך אויך דאַרפן
איצט רעווידירן אירע איינשטעלונגען
וועגן מענטשן און געזעלשאַפט. ווי ווייט
קענען גרייכן די פרייהייטן אין וועלכע
מיר לעבן און וויפיל פון די פרייהייטן
קען דער היינטיקער מענטש פאַרדייען?
לעבן מיר נישט אַמאָל מיט אילוזיעס, אַז
אַזעלכע רעווערענד דזשאָונסעס קענען גע־
ניסן פון די עקזיסטירנדע פרייהייטן און

אונדז ניט אַראָפּשליידערן צו וואַנזיניקייט
און טיפער רעאַקציע?

האָט ניט אַמאָל דער ליבעראַלער טייל פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט גע־מאַכט אַ טעות אין איבערשאַצן די רייף־קייט און מדרגה פון קולטור פון אונדזערע בירגער און איצט מוזן מיר צאָלן דעם פרייז פאַר זייער טעות?

נאָך „וואָטערגייט" האָבן די העכסטע געריכטן און די פּרעזידענטן זיך דער־שראָקן פאַר דער מאַכט פון רעגירונגס אינסטיטוציעס צו קענען באַגרענעצן די עלעמענטאַרע געזעצן פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע פון יחיד. אָפט מאָל טראַכט איך, אַז מיר זיינען צו ווייט פאַרקראָכן...

* * * * *

היינט צו טאָג עקזיסטירן אין אַמעריקע מער ווי צוועלף טויזנט פאַרשיידענע „קולטן", מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער פופצן מיליאָן. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען יונגע בחורים און מיידלעך. יעדער פּרווו פון דער רעגירונג אויפצו־דעקן זייערע פאַרבאַרגענע טעטיקייטן האָט זיך ביז איצט אַנגעשטויסן אויף אַ גרויסער קעגנערשאַפט פון געוויסע גע־זעלשאַפטלעכע קרייזן, וואָס מיינען אַז דאָס וואָלט געפירט צו אַ באַגרעניצונג פון רעליגיעזער פרייהייט, וואָס אונדזער קאָנ־סטיטוציע גאַראַנטירט יעדן יחיד.

* * * * *

דער יידישער אַנטייל אין די „קולטן" איז נישט קיין אַלאַרמירנדיקער, אָבער דאָך גענוגנד, אַז די יידישע געזעלשאַפט־לעכקייט זאָל אויך זיין באַאומרואיקט פון דער קולט־מגיפה.

## „אַ מעשה שהיה"

אונדזער גוטער פריינד פון בוירבענק, משה גלאַזער, האָט אונדז צוגעשיקט אַ קליין ביכעלע וואָס ער אַליין האָט דאָס מיט דער האַנט געשריבן און נאָך דעם עס מאַלטיפּליצירט אויף אַ זיראַקס.

דאָס ביכעלע הייסט „אַ מעשה שהיה" און ער דערציילט דאָרט אויף אַ גוט־מוטיקן, שפּאַסיקן אופן אויטאָביאָגראַפי־שע מעשהלעך, ווי דער טאַטע האָט דער מאַמען גענומען, ווי אַזוי ער אַליין איז אויף דער וועלט געקומען און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס לאָזן זיך דערציילן און דער־ציילן...

אַמאָליקע צייטן, ווען אונדזער פריינד איז נאָך יונג געווען, ווען יעקב מאַרינאָוו האָט נאָך געלעבט און „דער קונדעס" פלעגט יעדן פרייטיק זיך באַווייזן מיט פולע בלעטלעך וויצן, שפּאַסן און הומאָר, פלעגטמען טייל מאָל דאָרט אויך געפינען דעם נאָמען משה גלאַזער. נאָר היינט... היינט דערציילט מען זיך שוין אַנדערע מעשהלעך...

דאָס באַווייזט אונדז נאָך אַמאָל אַז ווען איינער ווערט אויף דער עלטער ווידער באַפאַלן פון דער מוזע ווערט ער, ווי דער שטראָם פון טייך, שוין געפינען אַ וועג צו זיינע לייענערס...

## וועגן רעצענזיעס

שרייבערס און פאַרלעגערס וואָס וואָלטן געוואָלט אַז זייערע ביכער זאָלן רעצענ־זירט ווערן אין „חשבון", דאַרפן אַרייַנ־שיקן זייערע ביכער צו דער רעדאַקציע פון „חשבון".

וועגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון „חשבון"
זיך ווענדן צו:

**SOL SCHLOSSER**

1108 South Clark Drive    Los Angeles, Calif. 90035